איין זייט די שווערקייט און הארטקייט פון קנאות און פון דער צווייטער זייט די שטאָלץ און גבורה מיט וועלכע די קנאות ווערט אָפּט בעגלייט ביי די וואס זיינען ערנסטע און אידעאַליסטישע קנאים. עס קען ניט זיין קיין גרעסערער קאָנטראַסט צווישען׳ם שווערמערישען פילאָזאָף־פּאָעט הרב קוק און צווישען דעם עקסטרימסטען חרדים פיהרער וועמעס גאנצע שיטה וואָלט איך פיעליכט אויפגעפאסט אין די ווערטער ״יהרג ואל יעבור״. הרב זאָנענפעלד ווייס ניט פון קיין קאָמפּראָמיסען, ווייס ניט פון קיין נייגונגען. דאס יודענטום איז א קאַמפּף און דער וואס געהט אין דער מלחמה דארף זיך מיט סענטימענטאַליטעטען ניט אָבגעבען.

נאכדעם ווי מען האט אביסעל פערבראכט אין די געוועהנליכע שמועסען עטליכע פראגען פון זיין זייט וועגען אַמעריקא און עטליכע פראגען פון מיין זייט וועגען ירושלים איז מען ניט ווילענדיג ארויף אויף דעם שמועס וועגען דער אַטאַקע אויף הרב קוק וואס האט אויפגעשטורעמט די שטאָדט. און איך האב איהם געמאכט אויפמערקזאם אויף דעם בריעף וואס איז געדרוקט פון איהם און אנדערע געגען הרב קוק אָנווינקענדיג דערביי, אַז דאס מאַכט דאך אַ רושם פון חלול־השם און דאס מאכט דאך שוואכער דעם גאנצען אָרטאָדאָקסישען לאַגער. ווען אָרטאָדאָקסישע פיהרער קריגען זיך ארום און נאך אין אזא סקאנדאליעזען וועג אין דער עפענטליכקייט געווינען דערפון די וואס בעקעמפפען דעם יודענטהום.

הרב זאָנענפעלד האט מיר ניט איבערגעשלאָגען די צייט וואס איך האב גערעדט, איך האב געזעהן אַז מיינע ווערטער האבען איהם ניט געבראכט אין דער מינדעסטער פערלעגענהייט, ער האט געהאט זיין תשובה גרייט און איז געווען זיכער, אז ער איז פאָלשטענדיג גערעכט. ווען איך האב געענדיגט האט ער מיר אין פשוטע ווערטער ערקלעהרט, אז מיינונגען צווישען מענשען זיינען שטענדיג געווען פערשיעדען, און אז יעדער איז פארפליכטעט צו קעמפפען פאר זיינע מיינונגען ווען ער איז איבערצייגט, אז די מיינונגען פון זיין געגנער זיינען שעדליך. בית שמאי און בית הלל האבען זיך אויך געקריגט און גוט האבען זיי געטהאן וואס זיי האבען זיך געקריגט האבען זיי דערמיט די תורה גרעסער געמאכט און דאס איז דער פשט פון מחלוקת לשם שמים וועלכע איז א גרויסע זאך און וועט שטענדיג עקזיסטירען אַזוי לאַנג ווי מענשען וועלען האבען מוחות צו קלעהרען.

ער האט נאכהער געזאגט : איך בין מיט דעם יפו׳ער רב (אזוי רופט ער הרב קוק, וועלכער איז געווען א לאנגע צייט רב אין יפו) ניט איינפערשטאַנדען. דער יפו׳ער רב איז געווים אן אדם גדול אָבער ער האט אן אנדער שיטה און איך האב אן אנדער שיטה, איך בין איבערצייגט, אַז זיין שיטה ברייגגט שאדען דעם יודענטהום. קען איך שווייגען?

— קענט איהר מיר ערקלעהרען — האב איך איהם געפרעגט—וואס איז די שיטה פון יפו׳ער רב און וואס איז אייער שיטה?

— דער יפו׳ער רב—זאגט הרב זאָנענפעלד—מיינט אַז אויב ער וועט זאגען שבחים אויף די ראדיקאלען און וועט אויף זיי מלמד זכות זיין וועט ער זיי קענען געווינען נעהנטער צו אידישקייט, ער מיינט, ווען ער וועט שרייבען וועגען זיי אז טראָץ דעם וואס זיי זיינען פריי האבען זיי גרויסע פארדיענסטע פאר׳ן יודענטהום און נאָך אזעלכע זאכען וועלען זיי דערמיט ווערען צוגעצויגען צו דאס יודענטהום, און דערפאר זאָגט ער, אז די וואס זיינען זיך עוסק אין גימנאַסטיק טהוען זיי דערמיט אן עבודת הקודש, וועהרענד אלע ווייסען, אז דיזע לייט עסען טרפות בפרהסיא און זיינען מחלל קודש עפענטליך. דער יפו׳ער רב האט געווים א גוטע כונה אָבער דערווייל לויבט ער דאך די מענשען וואס מאכען חרוב דעם גאנצען אידישען לעבען און גראָבען אונטער דעם פונדאמענט אויף וועלכע מיר שטעהען. און וואס איז דער סוף? זיי, יענע לייט לייענען גאר ניט וואס דער יפו׳ער רב שרייבט, זיי ווילען ניט נעהמען אין

האנד אריין קיין זאך וואס א רב שרייבט ווי ליבעראל ער זאל צו זיי ניט זיין. זיי זיינען אפילו ניט דאנקבאר פאר זיין שטעלונג צו זיי, זיי אנערקענען גאר ניט און ווייסען אפילו ניט וואס ער שרייבט. די איינציגע וואס לעזען וואס ער שרייבט זיינען די פרומע יונגע לייט פון די ישיבות, די לעצטע ביסעל וואס זיינען אונז געבליבען און ווען זיי לעזען אז מאכען גימנאסטיק איז אזוי ווי תהלים זאגען, ווארפען זיי אוועק דאס ביסעל אידישקייט וואס זיי האבען. איך גלויב אז מיר דארפען מיט די פרייע ניט האבען צו טהאן, מיר וועלען זיי צו אונז ניט קענען בריינגען. מיר דארפען בעסער פארהיטען אז די וואס זיינען מיט אונז געבליבען, זאלען אהין ניט אוועק און דאס דרשן'ען אין שבת פון די פרייע איז געווים ניט קיין סגולה, אז די וואס שטעהען מיט אונז זאלען מיט אונז בלייבען.

איך האב צום רב געזאגט: איהר האט פריהער פערגליכען די מחלוקות אין ירושלים צו די מחלוקות פון בית שמאי און בית הלל אבער די בית שמאי האבען דאך ניט געשריבען זלזולים אויף די בית הלל און פארקעהרט. זיי האבען דאך אפען דיסקוטירט; אויב איהר זייט ניט איינפערשטאנען מיט די אידעען פון יפו'ער רב האט איהר געקענט שרייבען ספרים אדער מאמרים צו פערטהיידיגען אייערע מיינונגען אבער שרייבען א בריעף צו אזעלכע לייט ווי די פון "קול השופר" מענשען וועלכע וואגען צו רופען א גאון און חסיד מיט'ן נאמען רשע, הייסט דאך עס א חלול פון גאנץ ירושלים און די שיטה פון יפו'ער רב איז דאך די שיטה פון תלמוד: לעולם תהיה שמאל דוחק וימין מקרבת?

און קוים האב איך געענדיגט און עס איז געלעגען אויפ'ן רב צו ענטפערען האט מען פון דער אפענער טהיר פון דער סוכה געהערט ווי מען האט אויסגעשריען: אשרי יושבי ביתך. מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה. איך האב זא ווי זא ניט געוואלט דוקא האבען אן ענטפער פון ר' חיים. זיין געדאנקענגאנג איז שוין געווען פאר מיר קלאהר

איך האב זיך אבגעזעגענט מיט איהם און בעגלייטענדיג מיר צום טהיר האט ער געזאגט: קיינער דארף דערפון קיין עגמת־נפש ניט האבען. מיט מחלוקת איז בעסער ווי אהן מחלוקת. ווען עס זאל שוין חס ושלום אין ירושלים קיין מחלוקת ניט געווען וואלט עס שוין געווען א סימן אז קיינער קימערט זיך שוין גאר נישט וועגען אידישקייט, און אז אלעם איז חלילה טוידט.

די לעצטע עטליכע ווערטער האט זיך געפאסט צו דער האראקטעריסטיק פון ר' חיים זאנענפעלד, דאס האט געמאכט דעם בילד פאלקאם. ר' חיים האט מיר ווארעם געדריקט די האנד, ער האט געשמייכעלט, זיין גאנצער וועזען האט אויסגעדריקט גייסטיגע אריסטאקראטיע. דער הויכער זקן, ער איז שוין, שיינט מיר, ביי אכציג איז פול מיט יוגענדליכע ענערגיע, פאר מיר איז געשטאנען א פערזאן וועמען מען קען ניט מבטל זיין, א פרינץ פון אלט ירושלים. איך בין ניט געווען איינפערשטאנדען מיט קיין איין ווארט וואס ער האט מיר געזאגט. די שיטה פון מחלוקה איז ניט אידיש און האט געבראכט אונגליקען אין ארץ ישראל, די פרומקייט פון הרב קוק איז א פיעל העכערע סארט ווי די פרומקייט פון ר' חיים. ניט דוחה זיין דארף מען נאר מקרב זיין אלע קרעפטען פאר ציון, — וואס אנבעלאנגט צו די האנדלונג אין בעצוג דעם בריעף פון הרב זאנענפעלד אין "קול השופר" איז עס אונמעגליך צו רעכטפערטיגען. אבער טראץ אלעמען האב איך געפיהלט רעספעקט צו דיזען מאן, וועלכען טראץ וואס ער איז א געגנער פון די ציוניסטען האט געענטפערט ווילסאן'ס שליח ווען יענער האט איהם געפרעגט פארוואס איז ער געגען די ציוניסטען: אלע אידען זיינען ציוניסטען! אז מען זעהט ר' חיים'ן גלויב איך קען מען איהם ניט אזוי שנעל פארגעסען ווען אפילו מען מוז זיין געגען זיין שיטה אין האנדלונגען.

---

און אויף מארגען האט מען מיר גערופען צו אן אסיפה פון די רבנים און די נכבדים פון ירושלים צו בעטראכטען